# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 11 • דאנערשטאג, ט"ז כסלו תשפ"ז • 26סטן נאוועמבער 2026 • פרשת וישלח

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו

בראשית לב, ד



אין דעם נומער

**„והחריש יעקב עד בואם“**
אמת45 • לכבוד שבת

**אן עירוב אין ניו יארק**
יידל • הלכה

**א י"ט כסלו־פארברענגען**
לבי ובשרי • אנשי שם

**פארוואס דוקא דעם דריטן טאג?**
א שמועס איף דער סדרה

**ווי אזוי צו געווינען חברים**
איחוד פעלד • וויסנשאפט

**„הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב“**
מאטי • הומאר

ארכיוו

נומער 11 • דאנערשטאג, ט"ז כסלו תשפ"ז
26סטן נאוועמבער 2026 • פרשת וישלח

הקדמה

# באגעגעניש מיט א ברודער

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת וישלח – „וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו". יעקב אבינו קערט זיך אום אהיים נאך צוואנציג יאר ביי לבן, און אויפן וועג ווארט אויף אים זיין ברודער מיט פיר הונדערט מאן. די סדרה איז פול מיט באגעגענישן: מיט עשו, מיט דעם מלאך ביי נאכט, און מיט דער שטאט שכם. ממילא גייט אויך דער נומער אויף דעם וועג: ווי אזוי באגעגנט מען א שונא – און ווי אזוי א פריינט.

אין אונזער הויפט־ארטיקל לייענט „אמת45" די מעשה פון דינה און שכם, און ער זעט אין יעקב'ס שווייגן א גאנצע שיטה: א דורון, א תפילה, און ערשט צום סוף מלחמה. אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו געפרעגט פארוואס שמעון און לוי זענען געקומען דווקא אויפן דריטן טאג, און ווער עס זענען געווען די „מלאכים" וואס יעקב האט געשיקט. „ויחן את פני העיר" – חז"ל זאגן אז יעקב האט מתקן געווען תחומין, און דערפאר ברענגען מיר א הלכה־שמועס וועגן אן עירוב אין ניו יארק. אין „תורה און וויסנשאפט" פרעגט מען צי די עצות פון דעם באקאנטן ביכל „ווי אזוי צו געווינען חברים" זענען חכמה אדער חנופה – א שאלה וואס יעקב'ס מתנות פאר עשו'ן שטעלן גלייך אויפן טיש.

קומענדיגן זונטאג איז י"ט כסלו, די יארצייט פונעם הייליגן מגיד פון מעזריטש, און מיר ברענגען א בילד פון א י"ט כסלו־פארברענגען אין קראון הייטס. „מאטי" דערציילט א מעשה וואס איז (נישט) געשען מיט א בייק און א קאר אין בארא פארק. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך", „פערל פון די ארכיוון", „היינט מיט . . . יאר צוריק" און „די תגובה פון דער וואך".

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]".

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבת קודש | „והחריש יעקב עד בואם" – דעם טאטנס וועג • אמת45 | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | פארוואס דווקא דעם דריטן טאג? און ווער זענען געווען די „מלאכים"? • קרעמער, זארעכפעפער, cano, benkel34 און אנדערע | 5 |
| הלכה־שמועס | אן עירוב אין ניו יארק – די הלכה'דיגע שאלות • יידל, ידען | 9 |
| תורה און וויסנשאפט | „ווי אזוי צו געווינען חברים" – חכמה אדער חנופה? • איחוד פעלד, לעיקוואד און אנדערע | 10 |
| אנשי שם • צו י"ט כסלו | א י"ט כסלו־פארברענגען מיט ר' יוסף העללער • לבי ובשרי | 13 |
| הומאר | „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב" – א מעשה וואס איז (נישט) געשען • מאטי | 15 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 17 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • כינור1 | 20 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 21 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • berlbalaguleh | 23 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 24 |

לכבוד שבת קודש

# „והחריש יעקב עד בואם“ – דעם טאטנס וועג

וואס האט יעקב געזאגט ווען ער האט געהערט וואס מען האט געטון מיט דינה? גארנישט. „אמת45“ זוכט אין יעקב'ס לעבנסגעשיכטע דעם שליסל צו זיין שווייגן – און צו זיין כעס אויף שמעון און לוי. די שארפע ווערטער זענען דעם שרייבערס אייגענע.

פון **אמת45** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „געדאנקען אויף די פרשה“ • 15טן דעצעמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11151.html#p357123

אין דער פרשה די וואך, שפילט זיך אפ אן אינטערסאנטער געשיכטע: יעקב'ס בת יחידה, דינה, א פרישע איינוואוינערין אין שטאט שכם, גייט ארויס אין שטאט זיך אביסל אומקוקן אויף דער מענטשהייט. שכם, דער זון פונעם נשיא חמור, לייגט אויף איר אן אויג, נעמט איר צו זיך אין שטוב, שלאפט מיט איר קעגן איר ווילן, פארגליסט זיך איר צו הייראטן און בעט דעם פאטער צו איבערעדן די ישראלי משפחה איינצוגיין אים צו געבן דינה פאר א ווייב.

יעקב הערט די שמוציגע פאסירונג, שווייגט אוןווארט ביז די ברידערס קומען אהיים זיי צו פארציילן. הערנדיג אז מען האט פארשוועכט זייער קליינעם שוועסטער ווערן די ברודערס מורא'דיג אויפגעברויזט, אויף דער נבלה און פארשוועכונג אין זייער פאמיליע. ווער רעדט נאך פון מסכים זיין צום שידוך, אפגערעדט אז דאס קומט נישט אין באטראכט. מען רעדט דאך אבער פונעם נשיא זעלבסט, קען מען זיך דאך נישט סתם ארויסדרייען. קומען זיי אויף מיט א וואזשנעם געדאנק אזוי, מען וועט דעם נשיא געבן אן אנבאט וואס ער וועלן קיינמאל נישט אקצעפטירן, און אזוי ארום זיך פאליטיש ארויסדרייען, נעמען דאס מיידל און גיין לחיים ולשלום.

חמור מיטן זון קומען צו גיין מיט א געשעפט אזא. אין אויסטויש פאר דעם מיידל וועט די ישראלי פאמיליע געניסן פון פארשידנארטיגע בענעפיטן, פרנסה, שידוכים, מהר ומתן לרחצה, און שטענדיגע פריינטשאפט, און די ברידער געבן צו פארשטיין זייער חכמה'לע, בעצם וואלטן מיר דעם אנבאט אוודאי אנגענומען אבער מיר זענען געמל'עטע, און איר זענט דאך ערלים, און דאס איז ביינאנד גאר א שטארקע טראדיציע, מיר וואלטן זיך מיט אייך גערן משדך געווען, בלויז רעליגיע איז אן אפהאלט. בקיצור אזוי דרייען זיי אהער אהין מיט שיינע פאליטישע רייד, אונטערשטע שורה געט אהער דאס מיידל און מ'גיימער פון דאנעט.

צו זייער אומגעראכטענע אכזבה, נעמען די צווי בהמות אן דעם אנבאט און גייען אין אויפן געשעפט, די גאנצע שטאט גייט זיך מל'ען. דינה פארבלייבט דערווייל ביי שכם אין שטוב.

והיה ליום השלישי, דער עולם זיצט אפגעשוואכט אינדערהיים, שמעון און לוי גארטלען זיך אן מיט כלי מלחמה, און אין א מורא'דיגן אקציע פירן זיי דורך א מאסן מערדעריי אינעם שטאט שכם, אויסקוילנדיג אלע אפגעשוואכטע מהולים. צום לעצט, דערשטעכן זיי שכם מיטן פאטער, און באפרייען די שוועסטער דינה מיט גרויס טריאומף.

לפנים א געוואלדיגע סוקסעס פון א מיסיע. ביים טאטן אבער נישט. יעקב איז איבערהויפט נישט צופרידן. ביי יעקב איז דאס א דורכפאל פון א מיסיע. יעקב איז בייז אויף זיי פארן פארשטינקען די משפחה'ס נאמען. פארן די שונאים וואס די צווי האבן אים געשאפן.

און וואס איז מיט דינה, פרעגן זיי דעם טאטן, האמיר זיי געדארפט לאזן פארוואנדלען אונזער שוועסטער אלס א זונה? באין מענה, יעקב ענטפערט נישט.

א קליינעם באמערקונג האט מיר געדריקט אין דער פרשה: יעקב איז אין א סיטואציע. זיין בת יחידה איז א געפאנגענע ביים שטאטס הויפט, געריפט צו סעדוסט ביי שכם די זון זיינעם . די ברידערס הערן די מעשה, פארדאמען עס און פארפירן אויף דער פרצה און נבלה וואס האט פאסירט. יעקב ווידעראום, דריקט עפעס די תורה, אז והחריש עד בואם. זילטש, נאדא. אין דער גאנצער פרשה געפינט מען נישט א ווארט איבער יעקב'ס תגובה אויף דער פאסירונג.

די מילה געדאנק פאלט אדורך און די סומאטוכע ווערט נאר ערגער, קומען שמעון און לוי מיט אן אייגן געדאנק און פירן דורך א העלדישע סוקסעספולע בליץ אקציע, און ראטעווען די שוועסטער, אבער יעקב בייזערט זיך, און פארדאמט די צווי פארן ארייַנלייגן די משפחה אין א סכנה. ס'הייסט יעצט וועלן די ארומיגע נוקם

זיין. וואס טוט זיך מיט זייער פראגע הכזונה יעשה את אחותנו? וואס איז יעקב'ס תשובה? איז זיך די שטאט טאקע דען נישט ווערט דאס געלט?

אויב באטראכט מען אביסל יעקב'ס ביאגראפיע, אנטפלעקט זיך א שטיקל בילד איבער אונזער ראש האומה, דעם טאטן פון כלל ישראל. פון קינדהייט אן שוין האט יעקב זיך ערווארבן זיין פאסיוון גאנג. נאך זייענדיג אין מאמען'ס בויך, האט שוין רבקה געוויסט איבער דעם פארקערטן פאר וואס זי טראגט אין זיך. יעקב איז בטבע געווען דער טראכטער, א תם וישב אוהלים, אפגעזיצענדיג יארן ביי שם ועבר, און עשו דער ווילדער יעגער, לוחם, וואס האט בשעתו אומגעברענגט דעם לעגענדארן גיבור נמרוד. יעקב האט מחדש געווען די פאסיוון וועג פון מאניפילירן מענטשן. ולאום מלאום יאמץ אבער ורב יעבד צעיר. מיט אביסלע לינזן אינעם ריכטיגן מינוט, האט ער פון עשו ארויסגעריקט די בכורה. מיט אביסלע איבערקליגן עשו האט ער אים פרידליך צוגעכאפט די ברכות. [אגב, רבקה'ס עצה ביי די ברכות שווינדל שיינט גראדע שטארק צו זיין נוסח לבן, איר ברידער, רבקה א צדיקת האט דאס פשוט געניצט ווי און ווען זי האט פארשטאנען אז ס'איז פאסיג.] מיט אביסלע קריצן אין די מקלות, האט ער פון לבן ארויסגעריקט א הון תועפות זיך אפרעכענענדיג מיט אים אויף א שיינעם אופן. אויף א פרידליך פארנעם האבן זיי ביידע געשלאסן א בונד אין גלעד און זיך געזעגנט בשלום.

עשו קומט אים אנטקעגן מיט פיר הונדערט באגלייטער, מיט א לאנג ערווארטעטן אפרעכענונג, יעקב גרייט זיך דערפאר אן מיטל פון ווידערשטאנד. ער שיקט אנטקעגן מתנות, סטאדעס פון אלע סארט, אויף אן אויסגערעכנטן גאנג, מיט א פונקטליכן נוסח ווי אזוי דאס צו אדרעסן און.. נישטא קיין זכר פון קיין מלחמה, מען קישט זיך ברידערליך (אויף קיינעם געווינטשן), און עשו וויל מיט אים גאר מיטקומען. ווייטער מיטן אלטן נוסח איז אים יעקב מסביר אהער אהין, די קינדער זענען קליין די בהמות זענען שוואך, אלעס, חוץ עשו, ווי נישט אים מיינט מען.. און זיי געזעגענען זיך אויפן פלאץ.

יעקב איז דער ערשטער מחדש פון לינקאלן'ס באקאנטע ציטאט: "דער בעסטער וועג צו פארטיליגן דעם פיינט איז אים צו מאכן א פריינט" וידו אוחזת בעקב עשו. אפילו געשעדיגטערהייט, נאכן זיך שלאגן שעות מיטן מיסטעריעזן פערזאן, געזעגנט ער זיך מיט א ברכה.

**„דער בעסטער וועג צו פארטיליגן דעם פיינט איז אים צו מאכן א פריינט"**

יעקב, שוין אן אלטער פיפיגער געלערנטער פאליטישן (אויף אן ערליכן פארנעם, פארשטייט זיך) וואס האט שוין דורכגעפירט און באזיגט מערערע מלחמות אין לעבן, אן אויפהייבן א פינגער, אן א ברעקל וואפן, שטויסט זיך אן אין א פרישע סיטואציע, שכם די נשיא'ס זון, א קליינטשיק מנובל, וויל זיין טאכטער. נישקשה. יעקב איז שטיל, נוסח יעקב. ער פאלירט זיך נישט און ווערט נישט ווילד, ער ווארט אויף די קינדער, אינאיינעם העט מען שוין מסדר זיין די זאך אויף א שיינעם אופן. אז מילה ארבעט נישט, העמיר זען ווייטער. ער האט תפלה, דורון, מלחמה אין ארסענעל. אבער מלחמה צום לעצט.

שמעון און לוי האבן דאס געהארגעט, מיט דער מערדעריי אינאיינעם. שמעון און לוי מיט זייער ווילדע אקט, האבן אינגאנצן פאלעצט דעם טאטן'ס גאנג. עכרתם אותי! דאס איז נוסח עשו נישט מיינס.

**ער האט תפלה, דורון, מלחמה אין ארסענעל. אבער מלחמה צום לעצט.**

איי דינה? וואס פארשטייט עטס... גיי לערן א גוי ברטנורא. גיי לערן א גוי שווינדלען... (ליידער ניצט כלל ישראל דעם מיטל, אויף צו בעוול'ען אנדערע אויך, אבער שווינדלען ווען מען ברויך און נוטיג, האט אונז דער טאטע יעקב געלערנט. פרידליך און עפעקטיוו.)

יעקב האט אין זיי געזען א שרשיות'דיגער חסרון. הערשט יארן דערנאך, לפני פטירתו, ווען ער האט יעדן אינדענטיפיצירט זיין פערסאנעליטי טיפ, האט ער זיי שוין פונקטליך מסביר געווען דעם פראבלעם בשרשה. נישט בלויז די אקט פאר זיך האט אים אזוי געשטערט, נאר די טעמפער, די כלי חמס, די ווילדע פלענער, ארור אפם כי קשתה ובסדם אל תבוא נפשי... אומגעברענגט און באראבעוועט אן אומשולדיג שטאט מיט מענטשן, מחמת א שווערן טעמפער. אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל. פון דעם זאל קיין זכר נישט בלייבן.

דער ציידע האט אונז איבערגעגעבן א מיטל ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשן, אן געווער, אן שפיזן, אן ווילדע שטעכעריי, אן בלוט פארגיסונג וואס ער האט שארף פארדאמט. ער האט אונז געלערנט די פריינטליכע מיטל פון אפקויפן דעם שונא, און אים מאכן אן אמת'ע פריינט. והבן.

### אבאמא אדער טראמפ?

באלד נאכן ארטיקל האט „שמעקעדיג“ געפרעגט, און דער שרייבער האט געענטפערט:

„שמעקעדיג“: זייער שיין. צו נעמען א מוסר השכל אויף היינטיגע צייטן, קוקט אויס ווי אבאמא האט גענומען יעקב'ס וועג, און טראמפ שמעון און לוי'ס.... וועלכע איז בעסער?

„אמת45“: ישר כח! אמת, אבער נישט ממש. ס'קען גאר זיין פארקערט. טראמפ'ס טעמפער איז א שיטה און אבאמא'ס פיוס איז שוין אן אג'ענדע, נישט א דורכגעטראכטע. איך מיש מיך נישט..

קאווע שטיבל • 15טן דעצעמבער 2016

---

שמועסן אויף דער סדרה

# פארוואס דווקא דעם דריטן טאג? און ווער זענען געווען די „מלאכים“?

אין דער וואך פון פרשת וישלח תשס"ו האט „קרעמער“ אויף היידפארק געשטעלט זיין וועכנטליכע פראגע אויף דער סדרה, און דער עולם האט צוגעלייגט נאך קשיות – און נאך תירוצים.

פון **קרעמער, זארעכפעפער, benkel34, cano און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „~~~פראגע אויף פרשת וישלח~~~“ • 11טן–18טן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1710127.html

**קרעמער** • 11טן דעצעמבער 2005

עס איז באקאנט די מעשה פון שכם בן חמור וואס האט פארכאפט דינה, און די בני יעקב האבן זיך נישט פארלוירן נאר מיט חכמה געשטעלט א תנאי אז די גאנצע שטאט מוז זיך מל'ן, און דעם דריטן טאג זענען שמעון און לוי געקומען און אויסגעהרג'ט אלע איינוואוינער פון שכם און אנטלאפן מיט דינה.

פארוואס זענען זיי געקומען פונקט דעם דריטן טאג?

גרינגע תורות וועלן אי"ה נאכקומען במשך די וואך בעזהשי"ת.

**זארעכפעפער** • 11טן דעצעמבער 2005

[פארקירצט]

בנוגע די קשיא איז דא עטליכע תי':

1. דער תרגום. והוה ביומא תליתאה כד תקיפו עליהון כיביהון, פי', זיי זענען דאך געווען גדולים און ביי גדולים איז דער דריטער טאג דער געפערליכסטער סכנה.

2. דער אוהה"ק (תחילת פר' וירא). דער דריטער טאג איז מען די שוואכסטע (אבער די סכנה איז געפערליכער די ערשטע צוויי טאג).

3. דער דעת זקנים. ס'נישט מסתבר אז די גאנצע שטאט האט זיך ג'מל'ט אין איין טאג, און ביז דריי טאג איז שוין דער גאנצער עולם געווען ג'מל'ט.

**קרעמער** • 12טן דעצעמבער 2005

יישר כח ר' זרח;

אדרבה, יעדער איז געלאדענט צו לייגן אלע ענינים וואס אנבאלאנגען די סדרה פון דער וואך. קושיות, שאלות, תירוצים, און שיינע תורות.

מיר געפונען די וואך ווי יעקב אבינו האט עטליכע מאל אנגערופן עשו'ן מיטן נאמען "אדון", סיי אנהייב פרשה שטייט (קאפיטל ל"ב פסוק ה') ויצו אותם לאמר כה תאמרון לאדני לעשו וגו', (שם פסוק ו') ואשלחה להגיד לאדוני וגו', אויך שפעטער ווען ער האט געזאגט פאר די שלוחים וואס צו זאגן פאר עשו'ן שטייט (פסוק י"ט) ואמרת לעבדך ליעקב, מנחה הוא שלוחה לאדני לעשו וגו'.

איז דאך אביסל שווער לכאורה, מילא ווען ער רעדט צו עשו'ן מוז ער רעדן בדרך כבוד, אך און ווי איוב נישט, עשו איז אומשטאנד אים צו הרג'נען אין א סעקונדע, אבער צו וואס האט אויסגעפעלט אז ער זאל רעדן אזוי שיין און איידל און מיט אזא הכנעה כלפי עשו ווען ער רעדט צו זיינע אייגענע מענטשן?

ענטפערט דער מעגלי צדק: יעקב אבינו פלעגט כסדר בארעדן דעם עשו'ן, ער פלעגט שטענדיג זאגן פאר זיינע קינדער וואספארא רשע און שייגאץ דער עשו איז, כדי זיינע קינדער זאלן זיך פון אים נישט אפלערנען ח"ו צו טאן עבירות, אזוי ווי דער ווילנער גאון פלעגט זאגן אז מען ברויך פארשעמען דאס שלעכטס כדי אנדערע זאלן דאס נישט נאכטאן.

האט דאך יעקב אבינו מורא געהאט אז זייענדיג אזוי צוגעוואוינט צו בארעדן און פארשעמען עשו'ן, קען דאך געשען א טעות אז ווען ער וועט למעשה באגעגענען זיין ברודער וועט ער - ווי זיין געוואוינהייט - זיך נעמען אים באזידלען און שרייען אויף אים וואספארא נידערטרעכטיגע אינג ער איז...

דערפאר האט יעקב זיך אנגעהויבן איינגעוואוינען צו רעדן פון אים בדרך כבוד, מיין האר, מיין האר, מיין האר, אזוי אז ביים באגעגעניש זאל ער זיך נישט ארויסכאפן מיט א שאנד ווארט אויף אים!

**זארעכפעפער** • 12טן דעצעמבער 2005

וישלח יעקב "מלאכים" אל עשיו אחיו. וועם האט יעקב אבינו געשיקט?

רש"י זאגט, "מלאכים ממש". ווער זענען געווען די מלאכים?

אנדערע האלטן אז "מלאכים" מיינט שליחים. ווער זענען געווען די שליחים?

**קרעמער** • 13טן דעצעמבער 2005

זרח;

דער ישמח משה זאגט א הערליך ווארט, ער שרייבט אז יעקב האט געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן בשעת בריאת העולם, און נישט דו וואס זענען באשאפן געווארן דורך זיינע מצות ומעשים טובים, ווייל ער האט נישט געוואלט זיך משתמש זיין מיט זיינע זכותים (דאשתמש בתגא חלף). ער טייטשט מיט דעם דאס ווארט "לפניו" וואס עס שטייט אין פסוק, אז דאס מיינט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן נאך איידער יעקב איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, און נישט די וואס זענען דורך אים באשאפן געווארן ע"ש.

**קרעמער** • 13טן דעצעמבער 2005

איך זע יעצט אז דער הייליגער אור החיים הקדוש האט א גאנצע שמועס, ער זאגט בערך דריי טעמים פארוואס יעקב האט אויסגעוועלט צו שיקן מלאכים דווקא.

**זארעכפעפער** • 13טן דעצעמבער 2005

ר' קרעמער.

דאס איז דען דעם ישמח משה'ס אויפטוה? כמדומה אז דער מדרש זאגט אז די מלאכים זענען געווען מיכאל און גבריאל.

**קרעמער** • 13טן דעצעמבער 2005

וואו האב איך געשריבן אז דער ישמח משה טוט אויף אז דאס איז געווען מיכאל און גבריאל? איך האב געשריבן א שיינע תורה פונעם ישמח משה אויף דעם ווארט "לפניו", וואס מיין כיתה ד' רבי (אויב איך געדענק גוט) האט מיר געזאגט ווען איך האב אים געפרעגט: רעבע, פארוואס שטייט לפניו?

**זארעכפעפער** • 13טן דעצעמבער 2005

פון דיינע ווערטער וואס דו שרייבסט: ער שרייבט אז יעקב האט געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן בשעת בריאת העולם, און נישט דו וואס זענען באשאפן געווארן דורך זיינע מצות ומעשים טובים, ווייל ער האט נישט געוואלט זיך משתמש זיין מיט זיינע זכותים (דאשתמש בתגא חלף). ער טייטשט מיט דעם דאס ווארט "לפניו" וכו',
האב איך פארשטאנען אז דאס, אז יעקב האט געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן בשעת בריאות העולם, דאס טוט אויך אויף דער ישמח משה. ואתך הסליחה.

אגב, דאס וואס רש"י זאגט מלאכים ממש, לערנט דער כלי יקר פשט, אז רש"י האט דאס טאקע גענומען פון ווארט "לפניו", (וכ"ה בשפ"ח) עיי"ש.

**cano** • 13טן דעצעמבער 2005

קרעמער און זארעכפעפער עס איז מיר בייגעפאלן צו מאכן א פשרה איך האב נישט פאר מיר קיין ספרי קודש אבער לויט ווי איך געדענקך ווען יעקב אבינו האט געפרעגט דעם מלאך וואס זיין נאמען איז האט ער געטפערט אז די מלאכים האבן נישט קיין באשטימטע נאמען זייער נאמען ווערט באשטימט לויט זייערע שליחות למשל ווען איינער גייט אויף א שליחות צי היילן ווערט ער גערופן רפאל ממילא (אויב וואס איך געדענק איז וואר) קען מען איינזעצן פשט אז דער מלאך וואס הייסט ביי דער יעצטיגער שליחות מיכאל איז באשאפן געווארן בשעת בריאת העולם ווער עס געדכגט פינקטלעך דעם לשון פינעם מדובר דארט מיטן מלאך און אויב דאס וואס איך דערמאן איז א רש"י אדער אנדערע מפרשי התורה זאל מוחל זיין און ענטפערן

**קרעמער** • 14טן דעצעמבער 2005

ס'איז א רש"י (בראשית ל"ב, ל'), אבער איך פארשטיי נישט וואס עס איז שווער דא, און וואס דו פארענטפערסט.

**benkel34** • 15טן דעצעמבער 2005

א גיטן אייך אלע,,סדאכטס סיך מיר אז דאס ערשטע שטיקל אויף דער וואכנדיגער סדרה אינעם הייליגן ספר מאור ושמש

איז איינע פון די זאכן וואס ער שטעלט זיך איז, אז רש"י הקדוש זאגט דאך אז יעקב האט געשיקט מלאכים ממש (וואס אגב מיין איך אז סשטייט פון ר' שמשון אוסטרופולער אז ממש מאכט די דריי מלאכים מיכאל - מלכיאל-שנדריאל)פרעגט ער ווי אזוי האט אזא רשע ווי עשו געקענט זען עכטע מלאכים? און ער ענפערט כדרכו בקודש עי' שם וואס מיך באדערט איז .אז ווער זאגט אז עשו האט געזען די מלאכים

די מלאכים האבן געזען עשו און אז ער קימט א קעגן מיט פיר הינדערט מענטשן וכ"ו אבער וואס צווינגט מיר צי זאגן אז עשו האט זיי אויך געזען?

[פארקירצט]

**קרעמער** • 15טן דעצעמבער 2005

א גוט מארגן ר' בענקל (מדוע באת היום? לא ערב שבת ולא מוצאי שבת היום?).

עשו האט געזען די מלאכים, והא ראי' ער האט גערעדט מיט זיי, למי אלה ואנה תלך ולמי אלה לפניך.

[פארקירצט]

**פענסטער** • 15טן דעצעמבער 2005

קרעמער;

דאכט זיך מיר אז אין חומש שטייט למי "אתה" ואנה תלך, און נישט למי "אלה". קען זיין איך בין נישט גערעכט, איך האב נישט קיין חומש דא מיט מיר, ביטע מאך קלאר, שכח.

**benkel34** • 15טן דעצעמבער 2005

א גיטן טאג ר' קרעמער, און פסוק יז לאנג נאכדעם וואס די מלאכים זענען שוין צוריק געקימען שטייט דארט ויתן ביד עבדיו עדר שטייט ארויס עבדיו און אויף דעם שטייט אין נעקסטן פסוק יח ושאלך לאמר למי אתה ואנה תלך,איז דע ווערטער וואס עשו גייט רעדן איז לכאורה קלאר נישט צי די מלאכים נאר צי יעקב'ס קנעכט,נאר דער אמת איז אז אינעם צווייטן פסוק שטייט בפירוש ארויס כה תאמרון לאדני לעשו וכ"ו, האט דאך יעקב באפוילן די מלאכים צי רעדן מיט עשו איז דאך מסתבר אז ער האט זיי געזען

איךווארט צי הערן פון דיר

יישר כח פארן אנצייכענען דעם מ"א

**קרעמער** • 15טן דעצעמבער 2005

פענסטער;

ס'איז געווען א טעות, שגיאות מי יבין. כ'האב עס געטייפט אין דער שנעלקייט, ואתך הסליחה.

**קרעמער** • 18טן דעצעמבער 2005

[פארקירצט]

אין פסוק שטייט (בראשית ל"ד, כ"ה) ויהי ביום השלישי בהיותם כאבים, זאגט דער תרגום אונקלוס "כד תקיפו עליהון כאביהון", אז דאן האבן זיך געשטארקט די ווייטאגן זייערע פונעם ברית. איז דאך משמע אז דעם דריטן טאג שטארקן זיך די ווייטאגן.

דער רבינו בחיי איז מסביר אז יעדע "דריטע" טאג איז אייביג שוואכער, סיי דער דריטער טאג פון געבורט, סיי דער דריטער טאג פון דער וואך, און די סיבה דערצו איז ווייל דאן איז שולט דער מזל "מאדים" (וואס דאס איז ווי באקאנט א שלעכטער מזל).

אין דער גמרא מסכת שבת (דף קל"ד ע"ב) איז דא א מחלוקת צווישן דעם תנא קמא מיט ר' אלעזר בן עזריא, די חכמים זאגן אז אויב דער ברית איז אום שבת, מעג מען געהעריג ארומוואשן דעם קליינטשיגן סיי בעפאר דעם ברית און סיי נאכן ברית, אבער אויב דער ברית איז געווען דאנערשטאג (וואס דאן געפאלט דער דריטער טאג אום שבת) טאר מען נישט ארומוואשן דאס קינד געהעריג, מען מעג אים נאר אביסל ארומשפריצן וואסער מיט דער האנט. רבי אלעזר בן עזריה זאגט אבער אז דעם דריטן טאג מעג מען אויך געהעריג ארומוואשן, און ער ברענגט זיך א ראיה פון די מענטשן פון שכם וואס דער פסוק זאגט אז דעם דריטן טאג זענען זיי געווען שוואכער, קומט דאך אויס אז דער דריטער טאג איז א גרויסע סכנה, דערפאר מעג מען אויך דאן מחלל שבת זיין.

די גמרא זאגט אבער אז דאס איז נישט קיין ריכטיגע ראיה, ווייל דארט רעדט זיך פון גרויסע ערוואקסענע מענטשן וואס ביי זיי פארהיילט זיך שווער א מכה, דעריבער איז דער דריטער טאג אויך א סכנה, אבער ביים קליינעם אכט טאגיקן פארהיילט זיך א וואונד שנעלער, גייט ער פריער ארויס פון סכנה, און דער דריטער טאג איז שוין נישט אזוי שווער פאר אים. (דער רמב"ם [הובא בשפתי חכמים ריש פרשת וירא] איז דאס מסביר אזוי: אן ערוואקסענער פארמאגט מער ליחות (אייטער וכדומה) אין זיך, און דאס קומט ארויס ערשט ביים דריטן טאג און פארשווערט די מכה).

דער דעת זקנים לבעלי התוספות, דער רא"ש און דער חזקוני זאגן אלע אז דערפאר זענען שמעון און לוי געקומען דעם דריטן טאג, ווייל דאן האבן די בני שכם "חרטה" געהאט אויף דער מילה (טאקע צוליב דעם גרויסן צער).

דער דעת זקנים און חזקוני זענען אבער נישט צופרידן מיט דעם פשט, ווי דער דעת זקנים פרעגט: "עס קען נישט זיין אז דעם דריטן טאג האבן זיי געהאט מער צער ווי די ערשטע צוויי טעג?"

דערפאר זאגן זיי אן אנדערן פשט: עס זענען געווען אזויפיל מענטשן אין שכם, אז עס האט גענומען דריי טעג ביז מען האט זיי אלע אפגע'מל'עט, דערפאר האבן שמעון ולוי אויסגעווארט ביזן דריטן טאג וואס דאן וועלן שוין אלע זיין אפגעשוואכט פון דער מילה.

דער אור החיים הק' (פרשת וירא) שרייבט גאר א נייע פשט: די בני יעקב האבן נישט אויסגעזוכט דעם טאג וואס זיי געפונען זיך אין א גרעסערע "סכנה" (ווייל באמת – טענה'ט ער – זענען די ערשטע צוויי טעג מער מסוכן ע"ש), נאר דעם טאג וואס זיי זענען די "שוואכסטע" און וועלן זיך נישט קענען צוריקשלאגן, דערפאר זענען זיי געקומען דעם דריטן טאג ווייל דאן זענען זיי שוין דאס מערסטע אפגעשוואכט, נאכן מיטמאכן יסורים דריי טאג אין א ציה!

א גרויסן יישר כח פאר מיין פריינט „זארעכפעפער“ וואס האט גלייך געענטפערט אט די תירוצים, איך האב עס נאר אויסגעברייטערט אז די חשוב'ע ליינער זאלן פארשטיין וואס ער האט געשריבן בקיצור

**זארעכפעפער** • 18טן דעצעמבער 2005

איך וועל נאר שרייבן בקיצור.

און אויב מיין חשובער ידיד ר' ...? קרעמער שליט"א וועט וועלן, וועט ער דאס בעז"ה אויסברייטערן און מסביר זיין בטוטו"ד, אזוי ווי ער האט געטון מיט די 'תי' אויף 'ביום השלישי'.

ווער זענען געווען די שלוחים וואס יעקב אבינו האט געשיקט?

אין מדרש רבה שטייט: מלאכים אלו שלוחי בשר ודם, רבנן אמרי מלאכים ממש.

1. רש"י לערנט ווי די רבנן אין מדרש, אז עס זענען געווען מלאכים ממש.

ווער זענען געווען די מלאכים?

לויט ווי עס ווערט געברענגט בשם המדרשים זענען דאס געווען מיכאל און גבריאל.

בנוגע די וואס CANO האט אויבן געברענגט וועגן שינוי שמות המלאכים לפי שליחותם, און ער האט דאס געוואלט צושטעלן אויך צו די מלאכים וואס יעקב האט געשיקט. יש לציין ע"ז, דער מקור איז דער מדרש אויפן פסוק למה זה תשאל לשמי ומובא ברש"י שם, ועיי' במפרשי המדרש (יפ"ת ועוד) וואס זיי זענען דן דערין צו מיכאל וגבריאל ווערן אויך נשתנה לפי שליחותם. (ועי' עוד במפרשי רש"י, לעיל ריש פר' וירא).

2. דער תרגום, דער אבן עזרא און נאך ראשונים לערנען ווי דער ערשטער פשט אין מדרש, אז מלאכים מיינט מען שלוחי בשר ודם.

דער תרגום זאגט: ושלח יעקב "אזגדין". דאס מיינט לכאורה שלוחים ממש.

דער אבן עזרא לערנט אויך פשט, אז, מלאכים מיינט שלוחי בשר ודם. ער איז מוסיף אז די שלוחים זענען געווען זיינע עבדים.

הלכה־שמועס

# אן עירוב אין ניו יארק – די הלכה'דיגע שאלות

„ויחן את פני העיר" – חז"ל זאגן אז יעקב איז אנגעקומען צו דער שטאט ערב שבת און האט מתקן געווען תחומין. אין קאווע שטיבל האט „יידל" אין תשע"ב געבעטן מען זאל שמועסן בלויז וועגן דער הלכה פון אן עירוב אין ניו יארק, אן פאליטיק.

פון **יידל, ידען** • אויסגעקליבענע תגובות • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „עירוב אין ניו יארק" • 30סטן אפריל 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/529.html

**יידל** • 30סטן אפריל 2012

נעמט אין אכט: דער אשכול איז געווידמעט בלויז פאר דעם הלכה'דיגן אספעקט פון דעם נושא. [פארקירצט]

די עירוב 'שערורי' איז גאר אן אלטע, נאך פון איבער הונדערט יאר צוריק, און אויך גאר א פארצווייגטע. איך קען באשטיין זיך אביסל צו באקענען אין די ענינים פון א ריינע הלכה'דיגע שטאנדפונקט. איך זוך נישט קיין היתר און נישט קיין איסור. איך וויל בלויז א שמועס איבער די הלכה'דיגע פרטים, לאיסור ולהיתר, להקל ולהחמיר. איך וועל אנהייבן מיט די עיקר הלכה'דיגע פראבלעמען און דערנאך וועל איך ממשיך זיין מיט דיונים איבער די פראבלעמען.

די עיקר הלכה'דיגע פראבלעמען מיט א שטאטישע עירוב אין ניו יארק זענען די פאלגנדע:

א. רשות הרבים דאורייתא. דאס איז באקאנט אויפן נאמען פון הג"ר משה פיינשטיין, וועלכער האט אין אפאר תשובות אין אגרות משה קלאר ארויסגעברענגט זיין דעת אז ניו יארק איז א רשות הרבים דאורייתא. די פארקערטע צד איז דער חזו"א וועלכער טענה'ט אז אין לנו רשה"ר בזה"ז.

ב. זיכוי הפת. דאס איז דוכט זיך א חידוש מיט וועלכע מען איז אויפגעקומען ביי דער וויליאמסבורגער עירוב פרשה, און איז ביי קיין איין פריערדיגע 'שערורי' נישט דערמאנט געווארן.

ג. קרפף. היות מען ווייסט נישט וואס די שיעור פון א קרפף איז, קען מען נישט מאכן קיין עירוב אין א שטאט וועלכע נעמט אריין גרויסע ליידיגע שטחים.

**ידען** • 30סטן אפריל 2012

איך האב ביי דעם אלטן אשכול געהאפט אז מ'וועט ערנסט צונעמען און צושטיקלען דעם נושא אבער סע צופארן אין אלע directions אבער נישט אין דעם עכטן נושא.

וואס דו שרייבסט איז גענומען פון וואו?

למשל ווען זיכוי פת, וואס הייסט אז סע א נייע זאך? פון וואו נעמסט עס?

**יידל** • 30סטן אפריל 2012

וואס דו שרייבסט איז גענומען פון וואו?

מפי השמועה.

למשל ווען זיכוי פת, וואס הייסט אז סע א נייע זאך? פון וואו נעמסט עס?

ווען איך זאג נ"ייע זאך" מיין איך נישט אז ס'איז א לעצטיגע המצאה. איך מיין צו זאגן אז דער פראבלעם איז נישט ערווענט געווארן ביי פריערדיגע שערוריות (ווי למשל אין מאנהעטען אדער אין בארא פארק).

תורה און וויסנשאפט

# „ווי אזוי צו געווינען חברים“ – חכמה אדער חנופה?

יעקב שיקט עשו'ן מתנות און רופט אים „אדוני“. אין קאווע שטיבל האט מען אין תשע"ג געשמועסט וועגן דייל קארנעגי'ס באקאנטן ביכל, How to Win Friends and Influence People – וועגן דער פסיכאלאגיע פון באאיינפלוסן מענטשן, און וואס די תורה זאגט דערויף.

פון **איחוד פעלד, לעיקוואד און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „ווי אזוי צו געווינען חברים און איינדרוקן מענטשן“ • 1טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2647.html

**איחוד פעלד** • 1טן יאנואר 2013

איך האב געליינט דער ביכל איין מאל בערך צען יאר צוריק, עס האט געלאזט א שטארקע רושם כמובן, ממש אפאר קליינע חלקים פון זיינע עצות זענען געווארן אין מיר איינגעבאקן. לעצטענס האב איך דאונלאדעד mp3 פון דער ביכל, און האב עס איבערגעהערט.

הן אמת אז זיינע עצות זענען באמת ווירקזאם, זיי ארבעטן אויף א מאסיווע פארנעם, למשל דער עצה וואס ער געט אן מיט דעם פאליסמאן האט געארבעט ביי מיר צוויי מאל און ער האט מיר נישט געגעבן א טיקעט, איינמאל האב איך אים אפילו געפרעגט פארוואס ער האט נישט געגעבן און ער האט מיר מודה געווען אז עס איז וועגן דעם, דער פאליסמאן האט אבער נישט געוויסט פון דער ביכל בחייכון וביומיכון.

אבער איז דא איין זאך וואס באדערט מיר שטארק מיט זיינע עצות, און איך בין נישט דער איינציגסטער וואס טענה'ט דאס.

זיינע עצות גייען אסאך מיט שקר און זיין נישט honest מיט אנדערע מענטשן.

דאס הייסט ער זאגט למשל אז כדי צו קענען איינעם באאיינפלוסן מוז מען האבן א "אמת'ער" אינטערעסן אין יענעם'ס ענינים, און פרעגן דערוועגן און זיך אינטערעסירן אויף אן אמת, און יענעם אויסהערן, ווייל אויסהערן איינעם איז פאר יענעם די וויכטיגסטע, וכו'.

ווען למשל איך זאל וויסן אז איינער פירט זיך אזוי צו מיר, און האט באמת נישט ליב מיין רעדן וכו', און טוט עס נאר ווייל ער וויל מיין ביזנעס און מיין געלט, וואלט איך בפירוש נישט מסכים געווען, און געהאלטן אז יענער איז א נוכל וכו',

אויב אזוי איז דאך פשט אז מען לערנט מענטשן צו זיין נוכלים און אויסנארערס וכו'?

לאידך גיסא פארשטיי איך אויך אז עס איז בכלל נישט קיין מצוה צו זיין אנגעבלאזן אויף דער גאנצער וועלט ווייל מען איז אין א שלעכטע גיסטע, און א פאלשער שמייכל איז אוודאי בעסער פין אן אמתער עצבות (קרעדיט סלאנים), אבער א שמייכל א קורצער ווארט מילא, אבער שטיין און קלערן גאנצע מהלכים וויאזוי קונה צו זיין איינעם'ס טראסט על דעת צו קענען געניסן פון זיינע נכסים איז שטיקל נישט ריכטיג.

ווי אויך זיין מעשה מיט דעם בעל דרשן וואס האט זיך טועה גוועו צווישן יאשקע און שעיקספיר, און דער שעיקספיר ידען האט מסכים געווען צום טעות פין בעל דרשן בשקר, ווייל ער האט נישט געזען די תועלת אין אים מעמיד זיין אויף זיין טעות, דארף א שטארקער דיון צי עס איז עטיש צי נישט.

מען קען מאריך זיין אסאך, והרוצה להוסיף יוסיף, אדרבה.

**לעיקוואד** • 1טן יאנואר 2013

פרעגסט א גוטע שאלה. לפענ"ד איז נישטא אויף דעם איין ריכטיגע ענטפער, עס איז תלוי בעיקר אין וואסארא מענטש דו ביסט און וויאזוי דו קוסט אן די סארט זאכן.

מצד אחד, מותר לשנות בפני השלום. עס איז נישט קיין חיוב צו פאמפן פאר יעדער פונקט וואס דו האלטסט ביי דיר אין הארץ.

מצד שני, למשל פשוט פשט פון די פסוקים "לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא", איז טייטש אויב ביסטו ברוגז אויף איינער, פארציילל עם די טענות וואס דו האסט אויף עם, האלט עס נישט ביי דיר אין הארץ און רעד מיט עם אחד בפה ואחד בלב. ווי חז"ל זענען משבח די שבטים ולא יכלו דברו לשלום שמתוך גנותם אתה למד שבחם שלא דיברו אחד בפה ואחד בלב.

איך מיין עס זענען דא מענטשן וואס האבן ליב בעיקר זיין אמתדיג, ער וועט זיך ענדערש חבר'ן מיט א חבר וואס זאגט עם אין פנים אריין ווען ער איז ברוגז אויף עם ווי איינער וואס שפילט א גאנצע צייט. און סדא אזא מענטש וואס פארליידטו דאס נישט ער האט ענדערש ליב זיך פירן מענטשליך און פראפאר אלעמאל.

לכאורה, אזויוי רוב אנדערע נושאים, איז דער ריכטיגער וועג ערגעץ אינדערמיט. נישט זיין א בלופער און מאניפולטער וואס רעדט שיין צו יעדער פאר זיינע אינטערעסן. און אויך נישט זיין קיין "איש אמת" וואס זאגט יעדער אריין און פנים אריין זיינע טענות. נאר הכל בשיקול הדעת מיט שכל לפי מקומו ושעתו.

**שמעקעדיג** • 1טן יאנואר 2013

א מענטש דארף זיך פרובירן ארייגלייגן אין א צווייטענס מצב, דאס איז פשוט א שיינע מדה.

אויב ביסטו סעלפיש, דארפסטו ארבעטן אויף דיינע מדות.

נושא עול עם חבירו, רחמנים בני רחמנים, דאס אלעס דארף יעדער איד ארבעטן צוצוקומען דערצו.

אויב האט מען די מדה, האט מען באמת א חשק אויסצוהערן א צווייטן און אים מחזק זיין.

**בדחן** • 1טן יאנואר 2013

[פארקירצט]

איז מעגליך אראפצו שרייבן בקיצור די עצה לגבי א פאליס?

יישר"כ

**איחוד פעלד** • 1טן יאנואר 2013

איך קען עס שרייבן אבער כדי עס צו טון ברויך מען לייגנען דער ביכל, ווייל מען קען נישט טון נאר איין זאך מיט רעזולטאטן.

ווען א פאליסמאן שטעלט אן איינעם איז רוב מאל וועט דער מענטש טענה'ן לא דובים ולא יער, איך בין נישט אדורך געפארן דער רויט לייט, און לייקענען דער טענה פין דער פאליסמאן, אדער וועלן זיי זיין חוצפה'דיג, אדער זיך פארענטפערן אז ער האט נישט באמערקט וכו'.

דער דרך בני אדם איז אז ווען מען זאגט עפעס און איינער ווענד דיך אפ באקומט מען א שטארקערע רצון צוריק אנצושלאגן יענעם וחוזר חלילה, עס גייט אהין און צוריק אן ברענגען צו א צד השווה.

ממילא דער פאליסמאן ווערט נאר מער באיינפלוסט אין דער ריכטיגקייט פין זיין טענה ווען מען איז זיך מתנגד צו זיינע דיבורים.

איז וואס זאל מען טון?

ווען ער שטעלט דיך אפ, און זאגט דיר דער באקאנטע קשיא, דו ווייסט פארוואס איך האב דיך אנגעשטעלט, אויב מעגליך איז בעסער אנצוהייבן גלייך א גוטן אווענט אפיציר, און זאגן איך ווייס פארוואס איר האט מיך אנגעשטעלט, און איך וויל דיך זאגן אז וואס איך האב געטון איז געפערליך. איך וועל אנכאפן א משל מען זאל קענען בעסער פארשטיין. אויב

למשל האסטו זיך איינגעדרייט אן ווייזן דער בלינקער, זאגט וואס איך האב געטון איז געפערליך, עס איז ממש מסכן די אנדערע קארס וואס פארן פין די זייט קעגן איבער, עס קען גורם זיין אז א מענטש זאל קראסן און מיך נישט באמערקן און עס קען ברענגען דאס ערגסטע וכו' וכו' וכו'.

דער פאליסמאן וועט הערן עפעס וואס ער איז נישט געוויינט צו הערן "קיינמאל", ער גרייט זיך שוין צו אויף א טענה'ריי מיט א מענטש וועגן דער גרויסער עוולה ווי דער מענטש וועט טענה'ן אז עס איז נישט געפערליך, און ער וועט ענטפערן און יענעם שוין גוט מסביר זיין די עוולה פין זיינע מעשים, און אים באשטראפן מיט א גוטע טיקעט דערצו. דא וועט ער זיך פילן אביסעל פארלוירן, און בכלל נישט צוגעגרייט צו א פזמון ווי דער מענטש גאר איז אים מסביר די גרויסע עוולה וואס ער אליין איז באגאנגען.

וואס דארף צו געשען איז, אז דער פאליס הייבט אן זיך צוריק טענה'ן מיט דעם מענטש אז ניין, לא כן הדבר, וואס דו

האסט געטון איז נישט אזוי געפערליך ווי דו זאגסט, עס איז אן עוולה, אבער נישט אזוי שלעכט וכו'. און אין זיין קאפ גייט אריין דער נאטאציע אז דער מענטש איז שוין נישט באגאנגען א געפערליכע עוולה.

און דער מענטש דארף זיך צוריק טענה'ן און זאגן ניין, אם סארי עס איז יא געפערליך און איך זאג צו אז מער וועל איך אזאנס נישט טון וכו'.

עס וועט זיך מן הסתם אויסלאזן מיט א ווארענונג און דאס איז עס.

אוודאי מוז עס געזאגט ווערן אין אן ערענסטער וועג אז ער זאל גלייבן אז דו מיינסט עס ערענסט וכו'.

און עס איז נישט גאראנטירט צו ארבעטן, אבער די שאנסן זענען פיל פאכיג מער ווי זיך טענה'ן אויף פארקערט.

אנשי שם • צו י"ט כסלו

# א י"ט בסלו־פארברענגען מיט ר' יוסף העללער

י"ט כסלו איז די יארצייט פונעם הייליגן מגיד פון מעזריטש, און ביי חב"ד חסידים איז עס דער טאג פון דער באפרייאונג פונעם בעל התניא. „לבי ובשרי" האט אין תשפ"ב געשילדערט א נאכט־פארברענגען אין „770" מיט דעם חסיד ר' יוסף [אברהם] העללער.

פון **לבי ובשרי** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „מיין התוועדות י"ט כסלו מיט החסיד רבי יוסף [אברהם] העללער" • 28סטן נאוועמבער 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14954.html

די סאמע בעסטע ארט וואו צו פראווען דעם י"ט כסליו איז הויפטזעכליך אינעם שמעלץ טאפ גופא, קראון-הייטס. אבער אויך אין קראון-הייטס זעלבסט ברויך מען וויסן וואו אהין צו גיין כדי צו דערשפירן דעם אמת'ן טעם אינעם יום טוב.

א גערוך פון געבאקענע קארטאפל און עוף-דיכטלעך איז צעשפרייט אינעם היכל הבית המדרש אין סעווען סעווענטי. ס'איז שוין נאך צוועלף אזייגער ביינאכט, די טענץ האבן זיך שוין געענדיגט, אבער דאס אייגן קול הערט זיך נאכאלץ נישט. אויף איטליכער שורה פון טישן קומט פאר א באזונדערע פארברענג, קוים וואס מ'הערט אווארט אויך ווען מ'בייגט זיך צו. אויסער דער אטמאספערע, שטערבליכע גערוך און ליידיגע פלעשער משקה איז גארנישט דא צום געפינען אין בית המדרש.

מ'ברויך זיך דרייען צווישן איסטערן פארקעווי, פרעזידענט סטריט און יוניאן צו דערשנאפן עפעס א מעלאדיע אדער 'מאמר' פון א הייזקע און דערגיין אז אויך דארט קומט פאר א באשיידענע אבער ערנסטע התוועדות.

"אויב קען ער נישט טאנצן נאקעט אין גאס, איז דער באדייט אז ער איז נאכנישט ריין פון ישות". הער איך אנקומענדיג צום צווייטן שטאק אינעם בנין הכולל, כולל מנחם, כולל אברכים, וואו א פארברענגען ווערט געפראוועט אין שפיץ פון הגאון החסיד רבי יוסף [אברהם] העללער.

* * *

שוין עטליכע שעות וואס הרב העללער זיצט ביים התוועדות, ער האט שוין געענדיגט מיט'ן לאנגען 'מאמר' און יעצט ענטפערט ער תשובות. צווישן ניגון און ניגון ענטפערט ער די געשריבענע שאלות געשריבן אויף א קליינינקן סערוועטל וואס ער באקומט פון די בחורים און יונגלייט בשעת'ן פארבריינגען.

* * *

"זיין א שוטה איז אן עבירה מדאורייתא! האט איינע פון די חסידים געפרעגט: למאי נפקא מינה צי ס'איז א דאורייתא אדער א דרבנן? הוא מותיב והוא מפרק, די נפקא מינה וועט זיין לגבי א ספק שוטה... ספיקא דאורייתא לחומרא... ממילא, אז איך האב א שאלה צי עפעס קומט פון נפש הבהמית אדער נפש אלוקית, דארף איך גיין לחומרא, דער נפקא מינה איז אויף למעשה, אז אויב איז דא א הוה אמינא אז ס'קומט פון נפש הבהמית, טאר מען נישט זיין קיין ספק שוטה!... לחיים ולברכה!"... ענטפערט ער ווען איינער פרעגט "אן אינטערעסאנטע היכי תמצא, דער שואל פרעגט, ער דאוונט, און א צווייטער שטערט אים פון דאווענען און ס'באדערט אים, קומט דאס פון נפש הבהמית און גראבקייט; היתכן יענער האט די חוצפה מיר צו שטערן פון דאווענען, אדער קומט דאס פון נפש אלוקית".

* * *

"יא איך האב מיר גערדערייט ביי פילע גדולים און צדיקים, אלע זענען געווען וואוילע לייט, אבער דאס האט מיר שטארק געצויגן. איז דען שייך צו פרעגן דעם 'אייזן' פארוואס ער ציט צום מאגנעט? דער מאגנעט איז דאך דער וואס ציט אים. וואס איז שייך צו זאגן ווען עפעס טוט צוציען?..." ענטפערט ער ווען איינער פרעגט א פראגע: איר האט זיך גערדערייט ביי אסאך גרויסע לייט און פארוואס זענט איר ענדע אזוי צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן?

"אבער דער אמת'ער ענטפער איז, אז ביים רבי'ן האב איך געזען דעם 'גארנישט', און דאס האב איך נישט געזען ביי אנדערע גרויסע אידן. ווי אזוי האט זיך דער רבי אמאל אויסגעדרוקט אויפ'ן מאמר חז"ל 'אין בן דוד בא אלא בדור שכולו חייו או כולו זכאי'? דער סאטמארער רבי און ראביי שניאורסון וועלן זיכער מאכן אז ער קומט בדור שכולו זכאי, אזוי האט ער געזאגט, 'ראביי שניאורסון', גארנישט... ער האט געלעבט ווי אן ארבעטער אין אן אפיס, נישט מער...

## ביים רבי'ן האב איך געזען דעם 'גארנישט', און דאס האב איך נישט געזען ביי אנדערע גרויסע אידן.

* * *

מען ענדיגט 'לכתחילה אריבער' און ס'קומט אן א סערוועטל און דערויף א שאלה: "דער רבי האט געזאגט אז חסידות פועל'ט איידלקייט, ווי קען זיין אז איך זע חסידים וואס קוקן אויס גראב, מ'דערקענט נישט חסידות אויף זיי".

"זענען זיי נישט קיין חסידים! וואס איז די קושיא? זענען זיי נישט קיין חסידים!... ווייל ער דאווענט אין א חסידישן שול איז ער א חסיד? ער איז נישט קיין חסיד! אויב מ'דערקענט נישט אויף אים איידלקייט איז ער נישט קיין חסיד. א חסיד מיינט אן איידעלער, אן אפגעהיטענער וכולהו וכולהו, אויב נישט איז ער נישט קיין חסיד".

"ווי קען זיין אז א פרומער איד מאכט אזעלכע גראבע עבירות? ער איז נישט קיין פרומער איד! אפשר קוקט ער אויס ווי א פרומער איד, אבער ער איז נישט! ער איז א חיה! אוודאי אז חסידות פועל'ט איידלקייט וכולהו וכולהו, אבער אויב נישט איז ער נישט קיין חסיד, ער איז א קינד פון א חסיד, ער איז א חבר פון חסידים, ער וואוינט צווישן חסידים, ער דאווענט צווישן חסידים, אבער ער איז נישט קיין חסיד. וואס איז די קושיא?..."

"חסידות איז נישט קיין מאוומענט אדער קאמיונעטי. חסידות איז א דרך החיים!" וואַרפט ער צו א הגדרה.

* * *

"מ'וויל מחנך זיין א בחור זאל לערנען בהתמדה, ער איז נישט דער גרעסטער מתמיד. דע וועג צו זאגן דעם בחור איז אזוי: איך פארשטיי אז דו קענסט נישט זיצן שעות און לערנען, אבער פינף מינוט קענסטו יא לערנען, לערן פינף מינוט מיט חשק. פינף מינוט איז זייער אסאך. נעם א גמרא און לערן פינף מינוט. דער בחור איז זייער ביזי, ער האט נישט קיין צייט צו לערנען גמרא, ער האט נישט קיין צייט, אבער פינף מינוט האט ער דאך יא, נעם א גמרא און לערן פינף מינוט מיט חשק, בדוק ומנוסה אז פון די פינף מינוט וועט ווערן צען מינוט, בדוק ומנוסה, און צוביסלעך וועט ווערן פופצן מינוט, פארוואס? ווייל אויב פינף מינוט איז טייער, וויל מען נאך, וויל מען נאך. אויב פינף מינוט איז נישט טייער איז פופציג מינוט אויך נישט טייער. אזוי זאלט איר זאגן דעם בחור".

"און לערנען מיינט נישט דווקא גמרא, ס'קען אויך זיין משניות, און ס'קען אויך זיין חסידות. ער וועט אנהייבן פינף מינוט, ער וועט באקומען א חשק, ס'וועט אים זיין געשמאק, און ער וועט זיך אפילו 'פארלערנען' און ער וועט אפילו פארפאסן זמן תפלה און חצות. ס'האט גארנישט פאסירט! זאל ער ענדיגן דעם 'מאמר' און זיך שטעלן דאווענען!"

"לחיים ולברכה!"

* * *

החסיד רבי יוסף העללער איז נישט בלויז נאך א צעקאלישטער ליובאוויטשער משפיע אזוי צו זאגן. ער איז א פיר און זיבעציג יעריגער דמות מיט א ברייטן הונטערגרונט. א זון פון רבי דוד א פוילישער חסיד, און א איד מיט אן עבר פון א נאנטע שייכות מיט הגרי"ז מבריסק מיט וועמען ער איז געווען נאנט און געלערנט נגלות התורה.

שפעטער האט ער געלערנט אין סלאבאדקע ישיבה און דערנאך ביי רבי דוד סאלאווייטשיק וואו ער איז געווען פון די ערשטע צען תלמידים. אין דעם אטמאספערע האט ער זיך געדרייט, געלערנט תורה און אזוי ממלא כריסו געווען בש"ס ופוסקים, און דארט איז אויך געווען ווען ער האט אנגעהויבן באקומען א שמעק צו חסידות.

## חסידות איז נישט קיין מאוומענט אדער קאמיונעטי. חסידות איז א דרך החיים!

"רבי אליעזר ננס איז געווען א געהויבענער חסיד. ער האט צוואנציג יאר געארבעט אין סיביר, ער האט נישט געהאט קיין ספר מיט זיך, אבער תניא האט ער געקענט אויפ'ן לשון", האט ער דערציילט ביים התוועדות, "איך געדענק, ווען איך האב געבעטן רבי אליעזר ער זאל לערנען מיט מיר חסידות האט ער מיר אפגעזאגט, אבער איך האב אים ווייטער געבעטן ער זאל לערנען מיט מיר אבער ער פלעגט מיר כסדר אפזאגן, ביז ווען ער האט מסכים געווען צו לערנען מיט מיר, און מיר האבן טאקע געלערנט אינאיינעם. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז רבי אליעזר האט געוואלט זען צי מיין חסידות לערנען און מיין רצון דערצו איז בלויז צו ממלא זיין די ידיעות און 'אויך' קענען חסידות, אדער וויל איך באמת לערנען חסידות און זיין א 'חסיד'.

לערנענדיג מיט החסיד רבי אליעזר איז שוין געווען נאכן פארמאגן עשר ידות אין נגלות התורה, אזוי אז דאס לערנען חסידות האט אים סיי געברענגט א השלמה און סיי בפועל צוגעצויגן צו ליובאוויטש לערנענדיג די ספרי חב"ד.

ערשט נאך זיין חתונה איז ער אפיציעל געווארן צוגעצויגן צו חסידות און צו ליובאוויטש, אבער לשבחו ייאמר אז זיין צוגעצויגנקייט צו חב"ד איז אלעמאל געווען במידה ובמשקל.

טראצדעם וואס ער האט אפיציעל געדינט פאר א תקופה אלס חבר אינעם ליובאוויטשער ביד"ץ זינט יאר תשמ"ו, איז ער אבער נישט געווארן ווי א טיפישער טייל פונעם פארטיי. אלעמאל, ביז היינט צוטאג, האלט ער די אויגן אפן און ער וועט פון צו צייט צו צייט אפילו מחולק זיין מיט דעתם ושיטתם פון אנדערע חברי הביד"ץ. א שטייגער ווי טרינקען וואסער פון קראנען אין ברוקלין, הרב העללער האלט אז די תלעים ווערן בטל צו דעם וואסער און ס'איז נישטא קיין איסור, אנדערש ווי עס האבן געשריבן אנדערע רבני חב"ד. אזוי אויך ווי פארשידענע אנדערע ענינים לגבי עירובין [טראצדעם וואס דאס אז קראון-הייטס איז א רשות הרבים האט ער געפ'סקנ'ט ווי אלע אנדערע רבנים אין חב"ד. און נאך.

אויך פון צווישן זיינע עטליכע ספרים 'שיטה ברורה' – אויף שו"ע הרב, 'ביאורים והערות' – אויף שו"ע הרב, 'טוב טעם' – פונעם זיידן דער תוספות יו"ט און נאך, זעט מען דעם שטארקן באלאנס אין קאנטראסט צו זיין ספר 'הלכתא למשיחא' אין וועלכע ער איז מבאר עניני משיח במשנתם של נשיאי חב"ד.

דאס אלעס ברענגט ארויס דעם חידוש זייענדיג א באלאנסירטער חסיד, נישט נאר מיט א מח אויף דער פלייצע נאר אויך מיט א קאפ, וואס לאזט זיך נישט פאר פאליטיק, טערור און שוחד.

דאס אז ער איז נישט אזוי 'מצומצם' און איינזייטיג האט אים ערווארבן א געוואלדיגן אפקלאנג. פון אומעטום, אויך פון חצרות און ערטער ווי חב"ד שפילט נישט א גרויסן ראלע קלינגט מען אים זיך דורכרעדן ענינים ווי חינוך, חיי נישואין וחיי בית היהודי אין וועלכע ער האט אויסגעטראטענע מהלכים, און מ'קען מיט אים רעדן סיי וועלכע נושא אויך עפעס וואס איז נישט אנטבאלאנגט תורת חב"ד.

אזוי ארום שיילט זיך ארויס, אז די שיחות און מאמרים פון הרב העללער איז נישט עפעס וואס איז כולו איינזייטיגע חב"ד, נאר איז באזירט אויף אדני פז, אויף השקפות פון רבותינו ומאורי דורותינו, און קומט צו א למעשה'דיגע ביטוי אין א ליובאוויטשן ארויסזאג, פארשטייט זיך מתובל מיט ליובאוויטשע רעיונות און אונטערלאגעס.

* * *

דער התוועדות איז געווען העכער אלע ערווארטונגען. כ'האב געפינען א ממוזג'דיגער דמות פון קלארקייט, איידלקייט, מענטשליכקייט, טיפקייט, כאריזמאטישקייט, און נאך באשטאנדטיילן.

## וואס פארקויפט א רבי?

דערויף האט „קאך_לעפל“ צוגעלייגט:

מ'פארציילט אז אמאל האט זיך א חסיד אנגעהאנגען אויפן טיר פון דעם צימער פון בעל התניא. האט מען אים געפרעגט וואס איז דאס? האט דער חסיד געענטפערט, אז אין יעדן געשעפט הענגט מען א סעמפל פון וואס דאס געשעפט פארקויפט. צב''ש, אין א פלייש געשעפט וועט מען געפונען הענגען אויפן דאך שנירלך פון טריקענע ווארשט. אזוי אויך דא ביים רבי'ן, וואס פארקויפט א רבי? חסידים!

ווען מ'דרייט זיך צווישן די פוטריחות דארט אינעם שווארצן קרוינהייטס, טרעפט מען צווישן די ברוכווארג, טייערע פערל שטיינער, דיימאנטן, חסידים וואס האבן עטוואס וואס צו פארקויפן, ריזיגע בעלי מסירות נפש'ניקעס, וואס זענען ביי זיך גארנישט. מ'נעמט א מעסער און מ'שניידט אים אויף קומט קיין בלוט, נאך ס'שטורעמט ארויס פונעם וואונד א להשכילך בינה... א באתי לגני... אשרך ידיד נפשי, הער הארץ און פלייש, שזכית להתפלש בבוץ וללקוט בו שושנים...

קאווע שטיבל • 29סטן נאוועמבער 2021

הומאר

# „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב“ – א מעשה וואס איז (נישט) געשען

א חסיד אויף א בייק, א גוי אין א קאר, און א קליפ אויפן אינטערנעט. „מאטי“ דערציילט א מעשה מיט א חידוש אינעם סוף.

פון **מאטי** • אויסגעקליבענע תגובות [פאַרקירצט]

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב“ • 24סטן מאי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3885.html

**מאטי** • 24סטן מאי 2013

איך וויל אייך פארציילן א מעשה וואס איז (נישט) לעצטענס געשען.

א פרידליכער ערל טרייבט זיך געמיטלעך זיין קאר אין ברוקלין, ווי נאר ער קומט אן צו דער אידישער באָרא פארק געגנט, טרעפט ער זיך פארן אונטער א חסיד וואס פארט אויף א בייק.

דער איד פארט זיך געמיטלעך פונקט אינמיטן דער גאס נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינעם, און נערווירט דעם מאטאר וויהוקעל דרייווער וואס פארט נאטורלעך שנעלער ווי א בייק.

דער ערל פארשטייט זיך פאנגט אן נערוועז צו ווערן, און פרובירט צו ווייזן דעם חסיד סימנים מיט גוטן און מיט בייזן אז דער בייקער זאל זיך אין א זייט רוקן און אים באפרייען פון דעם נערוון שפיל און אדורכלאזן.

אבער דער חסיד איז בשלו! מיט א פרעכהייט און שטאלץ איגנארירט ער דעם דרייווער, און פעדעלט אראפ ברחובה של סרטיא כאילו דער גאס איז זיינס אן אייגענטום. למרות דער פאקט אז ס'שלענגלט זיך אונטער אים א געהענגעל פון אנגעצויגענע מאטאריסטן וואס פלאצן אוועק פון זיין געוואגטקייט און זיין איגנארענץ.

דער ערל נעמט זיך צו פלאן ב':

ער גייט פרובירן אויסקרוסירן דעם בייק, ס'האט זיך געמאכט א געלעגנהייט ווען דער קעגן-קומענדער זייט איז געווארן ליידיג, און בום!! ער מאנאווירט זיין קאר מיט א ווילדן דריי צו לינקס! ער עקסעלערירט דעם גאז פעדל מיטן שטערקסטן כח! און דרייט זיך שנעל צוריק צו זיין לעין, יעצט געפונט ער זיך שוין נאכן בייקער.

אבער דער שמאלער אידישער בייקער זעט גוט וואס דא גייט פאר, אין הפנים זיין זעלבסט אומבאוואוסטער מיסיע איז נאך ווייט פון פערטיג.

בשעת דער קאר רוקט זיך צוריק אונטער אים, פאנגט ער אן פעדלען מיט א שטארקע אימפעט ממש אינעם קאר אריין, און טרעפט זיך ביים שמאלן פלאץ צווישן די געפארקטע קארס און דעם ערל'ס קאר. ער גליטשט זיך פלינק ארויס פון דארט, אבער נישט פאר ער גיט דעם קאר א געזונטער זעץ! מיטן פיסט!!! און דרייט זיך צוריק אויפן דרך המלך און הוירעי!!! ער איז ווידער פארנט פינעם קאר.

אזוי האט זיך דער זעלבער שפיל איבער געחזר'ט דריי פיר מאל ביז דער ערל האט ענדליך מצליח געווען צו קארנערן דעם אומפארשעמטן חוצפה'דיגער אידל אין א זייט, אבער שוין אינדרויסן פון אידישער געגענט צווישן זיינע בדומה לו אפשטאמיגע.

דער ערל קוילערט זיך ארויס פון קאר מיט אפענע נאז לעכער, שפיזיגע אויגן, און ווארפענדע פויסטן, קומט צו נאנט צום בייק און שרייט אויס, יאו עינט גאָואינג נאָוער!!!

ס'פארזאמלט זיך ארום אים א כאפטע ציקוקערס, א טייל וואס ווילן אליין נעמען דאס געזעץ אין האנט אריין, און באדרויען דעם איד מיט בייזן, אזש דעם חסיד'ן איז נישט גוט געווארן.

די ענדע פון דער מעשה לאז איך איבער פאר די לייענער צו פאנטאזירן.

פארוואס פארצייל איך אייך דעם באקאנטער נישט געשעענע מעשה ? איך וועל אי"ה אייך זאגן.. אבער קודם לאמיר ווייטער צוזאמען שפינען די מעשה נאך אביסעלע.

דער קומענדיגער טאג איז ארויף א קליפ פון דעם גאנצן עפיזאד מיטן פילן פראכט פון אנהויב ביזן סוף אויף א באקאנטער וועבזייטל וואס רופט זיך יוטיוב, און די אלעמען באקאנטע שמריה, אומפייעס, ודומיהן האבן געלינקט צו דעם קליפ און קאמענטארן האבן אנגעהויבן ארויסשפראצן ווי שוואמען נאך א רעגן.

וואס טראכט איר ? ווען זיי האבן געגעבן געגעבן גערעכט ?
ווען מען האבן די אלע עדזוקירטע פרעפעסארן - וואס ליידן אויף 100 פראצענטיגע אבסעלוטע גערעכטיגקייט - באשמוצט ? דעם איד אדער דעם ג'ענטייל ?

איך ציטיר אייך דא עטליכע קאמענטארן :

האסידהעיטער:

א חוצפה פון אן איגנארירענדן חסיד! ער קען נישט פארן אין דער זייט פאר איין מינוט און דורכלאזן טראפיק? ווי מיינט ער איז ער !! אין דשזולענד ?? א שאד דער האט נישט אריינגעזעצט אין אים ! מ'דארף אים לערנען א לעקציע, די גאס געהערט נישט פאר די עקלדיגע חסידים..

גייאיזעיהיראו:

איך קוק ארויף אויף דעם דרייווער ער'ט זיך נישט געלאזט פון דעם געמיינעם חסיד אפילו ער איז קודם געווען אין חסיד טאון ווי מ'וואלט אים ווען געקענט באקלאפן דורך זייער געהיימע אינערליכע פאליציי האט ער זיך שטאלצערהרייט אנגענומען פאר יוסטוץ פון שטערן די רעכט פון וועג.

ענגרי דואו

אומערצוויגענע מענטשן! האקן אויף קארס! לייגן אריין זיך, און אנדערע אין דענדשער בלויז פארן עגא!! דאס קומט פון לערנען בלויז חסידישע קאריקעלעם און נישט זיין מער געבילדעט און טאלערענט פאר דער סעקולערער געזעלשאפט.

וכו' וכו'...........

איר פארשטייט וואס דא טוט זיך ? פאר ווער עס ווייסט נישט, אזא מעשה האט זיך טאקע אפגעשפילט אפאר וואכן צוריק מיט פונטקליך די זעלבע דיטאלן, די טשעיס, פארכאפונג, געשריין, יוטיוב קליפ, קאמענטארן, אלעס אלעס אקוראט ווי מיר האבן יעצט ארפגעלייגט

אבער! די שפילער זענען געווען פונקט קאפויער דער חסיד איז געזיצן אינעם דרייווערס בענקל, און דער ערל איז געזיצן אויפן בייק.

און דאך! ביי ביידע פעלער קען געזאגט ווערן מיטן פולסטן זיכערקייט, אז דער חסיד וואלט געזיצן אויפן באשולדיגונגס באנק און דער ערל א פולקאמער היראו.

איז דאס נישט שרעקליכער פון שרעקליך ?? פארוואס ווערן מיר בכלל נישט אנגעקוקט אביעקטיוו ?

דער תירוץ איז "הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב".

[פארקירצט]

**יואב** • 24סטן מאי 2013

מאטי, ס'ווינדערט מיר האסט דאס נישט אריינגעלייגט אינעם תורה ומחשבה. דער ארטיקל שרייט למה נגרע? עשו שונא ליעקב איז נישט קיין פסוק? פסוקים זענען נישט קיין תורה?בכלל, וואס איז דאס אנדערש פון אלע אנדערע מאטי ארטיקלען?

**מאטי** • 24סטן מאי 2013

יפה שאלת הרב יואב.

דער תירוץ איז. ארטיקלען וואס מ'לערנט ארויס דערפון א געוויסע מחשבה און נקודה וויאזוי זיך בעסער צו פירן אין טאג טעגליכער לעבן הגם ס'איז באקליידעט מיט הומאר האלט איך אז ס'פאסט אריין אין "תורה ומחשבה". משא"כ דיזע ארטיקל קוק איך מער אן אלס פארש ארבייט און היסטאריע (אי"ה בחלק ב') איך האב זיך נישט באצויגן צו דער איגנארענץ פונעם אינגערמאן אלס א מוסר ומחשבה נאר אלס א געזעלשאפטליכע ענין.

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 26סטן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן? א חשבון פון „בעלי טובה", און א שמועס וועגן דעם נביא עמוס, פון ווען מען לייענט די הפטרה פון פרשת וישב.

## בעל טובה היכי דמי?

**moshav zekeinim** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 26סטן נאוועמבער 2015

מיר אלע האבן זיך שוין אנגעשטויסן אין א מצב ווי פלוני פאדערט הכרת הטוב אדער פאררופט זיך גאר אלס דיין מיטיב אדער בעל טובה כללית, בעת איר שפירט נישט אז איר דארפט אים באדאנקען, און צומאל שפירט איר גאר אז עס קומט אייך צו ברעכן פון זיין הכרת הטוב פאדערונג.

מאידך, האבן מיר שוין אויך איבערגעלעבט דער געפיל אז עמיצער פאר וועמען מיר האבן א טובה געטון איז אונז נישט מכיר טובה.

איןביידע פעלער מוז זיין אז מיר זענען אמאל יא גערעכט און אמאל נישט גערעכט. איז לאמיר פראבירן צו זען ווען מיר זענען יא גערעכט און ווען נישט.

אין מיין פערזענליכער ווערטערבוך האט דער נאמען "בעל טובה" עטליכע באדייטן. איך האב עס קאטעגאריזירט אויבערפלעכליך, און אדרבה, אז איינער קען פארבעסערן צו א מער יסודות'דיגער צעטיילונג זאל זיך ביטע לאזן הערן:

1. לב טוב. ער גיבט מיטן גאנצן הארץ, אבער איך דארף יעצט נישט דאס וואס ער גיבט מיר. און אדרבה איך וויל עס נישט יעצט.

2. מעביר על מדותיו. ער גיט מיר למשל א באנאנע ווען איך בין הינגעריג טראץ וואס ער איז א צר עין בטבע. ער שפירט ווי ער האט מיר געטון א וועלטס טובה, און איך שפיר נישט אז ער האט געטון א ווייסעך וואס פאר א טובה..

3. חצי טובה. דו טוסט א האלבע טובה, בשעת ער נויטיגט זיך קריטיש אין א גאנצע טובה.

4. מנצל. טוט טובות, אמת'ע צי נישט אמת'ע, בלויז כדי מיר אויסצוניצן, און מיינט בכלל נישט מיין טובה. צומאל דארף מען אפילו האלטן קאפ צי ער האט בכלל געטון א טובה אדער א רעה. שעל זה אמר הכתיב "וחסד לאומים חטאת".

5. בהשכל ודעת. א טובה מיט שכל.

דאס איז מער וויניגער מיין ליסטע פון מושגים אין בעלי טובות, אן קיין צונעמען יעדער נקודה בהרחבה. אונטער נומער 5 זאל מען שטענדיג ערווארטן קריטיג.

— „שמעקעדיג“: איך קען איינעם וואס ווען אימער ער טוט א טובה מאכט ער זיכער מיר עס צו זאגן (הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו...) און דערמאנען נאכאנאנד כדי איך זאל געדענקען וואספארא גוטער מענטש ער איז, ווען איך קען וואלט איך יענעם צוריקגעווארפן דעם טובה אין פנים, עס לאזט איבער אזא שלעכטן נאך-טעם.

— „געוואלדיג“: הכרת הטוב איז פשוט טייטש אנערקענען אז יענער האט מיט מיר א טובה געטון און עס מיינט נישט זיין שולדיג פאר יענעם די גאנצע וועלט, נאך א נקודה, מצד התורה איז הכרת הטוב כדי אונז זאלן זיי מענטשן און נישט ווייל יענער דארף דאס, והא ראיה, בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה אבנא, און משה רבינו מיטן נילוס.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9844.html

## וואס האט דער נביא עמוס צו זאגן פאר אונז?

**קאך_לעפל** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 26סטן נאוועמבער 2021

זיצט זיך דער נביא עמוס איבער די גרינע וועלדער און פעלדער, ארום דער שטאט תקוע – אין לאנד פון אשר, און ער פאשעט זיינע שאף און רינדער מיט גרויס געטריישאפט. קיינער אין שטאט האט נישט געוויסט דאס געטליכקייט און הייליקייט פון עמוס, ער האט אויזערליך אויסגעזען ווי א פראסטער פאסטוך... מיטאמאל האט דער פאסטוך עמוס איבעראשט יעדן און ער אנגעהויבן צו זאגן נבואה:

[פארקירצט]

די נבואה אויף ישראל:

ווייטער זאגט דער נביא – כה אמר השם על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו? על מכרם בכסף צדיק ואביון בעבור נעלים – אט אזוי זאגט ג-ט, אויף דריי זינד פון ישראל האב איך נאכנישט רעאגירט, זאגאר אויף די פערטע וועל איך דען אויך נישט? וואס איז געווען די פערטע? די פערטע איז גאר געווען אן אויסברייטערונג פון די ערשטע דריי זינד עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכות דמים, און דער נביא שמיסט דאס געמיטליך אויס. ער הייבט אן מיט שפיכות דמים. צוליב געלט און קאראפציע האט איר צוגעפירט אז אומשולדיגע מענטשן זאלן גע'הרג'עט ווערן, דורך פאלטשע עדות וועלכע איר האט אונטערגעקויפט מיט א פאר שיך, זענען אומשולדיגע ארימעלייט אומגליקליך געווארן... און ווער האט דאס געטאן? די דאזיגע וועלכע גליסטן צו בארויבן דאס קליין ביסל שטח פונעם ארימאן, און מיט דעם וואס ער וועט הינריכטעט ווערן דורך דעם געריכט, צוליב די פאלטשע עדות וואס זיי האבן געדינגען, וועט דאס קליין שטיקל ערד וואס ער האט פארמאגט אריבער גיין צו זיי... און צוליב דעם וואס שפיכות דמים איז אזוי לייכט איז זייער אויגן, איז גילוי עריות אויך לייכט אין זייער אויגן, אזש א זון און א טאטע גייען אינאיינעם צו שלעכטן א כלה-מויד אן קיין שום זעלבסט-ווירדע. און מיט דעם פארשוועכן זיי מיין הייליג נאמען, און דאס איז אין איינקלאנג מיט עבודה זרה...

וואס מיר דרינגען ארויס פון דער דאזיגער נבואה איז, אז אלעס הייבט זיך אן מיט ליב האבן א יענעמס געלט... זיצט זיך אזוי א רייכער אויסגעפאשעטער איד אין זיין ווילא אויף די בערג פון שומרון, ער פארמאגט וועלדער און פעלדער... אבער ס'איז אים נישט גענוג, דאס קליינער הייזקע פונעם ארימאן וויל ער אויך פאר זיך... און גארנישט וועט אים נישט אפשטעלן דאס צו ערוייכן, ער וועט אפילו הרג'ענען דעם בלוטיגן ארימאן אין קאלט בלוט אבי אז דאס קליין הייזקע זאל אריינפאלן צו אים אין די הענט. אזא איינער איז אומשטאנד אויף גילוי עריות און אפילו אויף עבודה זרה... אזעלכע אומווערדיגע לייט האבן דאן געלעבט אין שומרון, און אויף אזעלכע געמיינע אומרעכטן האט ג-ט שוין נישט געוואלט אוועק קוקן, און ער האט געשיקט א זענדונג צו די איינוואוינער פון שומרון דורך זיין קנעכט עמוס, אז אויב דאס בארבאריזם וועט זיך נישט זאפארט אפשטעלן, וועט קומען אויף זיי דאס ארגסטע...

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14949.html

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

ט"ז–כ"ב כסלו. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף הײדפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײ־יאר.

פון **כינר1**

הײדפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 7טן און 14טן דעצעמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5848105

### דאנערשטאג, ט"ז כסלו • 26סטן נאוועמבער

- הרה"ק ר' מנחם ב"ר יעקב דוד מאמשינוב זי"ע • תרע"ח
- הרה"ק ר' שאול ידידיה אלעזר ב"ר ישראל טאוב ממודז'יץ תל אביב זי"ע • תש"ח

### פרייטאג, י"ז כסלו • 27סטן נאוועמבער

- הגאון ר' יוסף יוזל ב"ר שלמה זלמן הורוביץ זצ"ל הסבא מנובהרדוק • תר"פ

### שבת קודש, י"ח כסלו • 28סטן נאוועמבער

- רבינו אברהם (בן הרמב"ם) ב"ר משה זצ"ל (בעמח"ס המספיק לעובדי ה') • ד"א תתקצ"ח
- הרה"ק ר' ברוך ממעזבוז ב"ר יחיאל מיכל זי"ע • תקע"ב
- הרה"ק ר' יקותיאל שמעלקא ב"ר משה יהודה לייב מסאסוב • תרכ"ב
- הרה"ק ר' יוסף יצחק מאווריטש ב"ר מנחם מנדל מליובאוויטש זי"ע • תרל"ו

### זונטאג, י"ט כסלו • 29סטן נאוועמבער

- הרה"ק ר' דוב בער ב"ר אברהם המגיד ממעזריטש זי"ע • תקל"ג
- הגאון ר' חי טייב זצ"ל (בעמח"ס חלב חטים) • תקצ"ו
- הגאון ר' פנחס ב"ר יעקב הכהן שטיינר זצ"ל אב"ד אילוק (בעמח"ס בריתי שלום) • תרע"ג
- הרה"ק ר' מנחם נחום ב"ר מרדכי מטולנא זי"ע • תרע"ו
- הגאון ר' מקיקץ ב"ר מעתוק השלי זצ"ל גדול המגיהים בג'רבה • תש"ל

### מאנטאג, כ' כסלו • 30סטן נאוועמבער

- הרה"ק ר' משולם פייביש ב"ר דוב בעריש מקרעמניץ זי"ע (בעמח"ס משנת חכמים) (חותנו של רבי אברהם המלאך) • תקפ"ה
- הרה"ק ר' משולם פייבוש מז'באריז' ב"ר אהרן משה הלוי הלר זי"ע (בעמח"ס יושר דברי אמת) • תקנ"ה
- הרה"ק ר' בנימין זאב וואלף הלוי ב"ר שמואל מבאלטא זי"ע (תלמיד הר"פ מקוריץ) • תקפ"ו
- הרה"ק ר' דוב בעריש מאושפיצין ב"ר משה זי"ע (תלמיד החוזה מלובלין) (בעמח"ס דברי צדיקים) • תקצ"ח
- הרה"ק ר' ברוך ב"ר מנחם מנדל מויזניץ זי"ע (בעמח"ס אמרי ברוך) • תרנ"ג
- הגאון ר' יצחק ב"ר חיים יואל הוטנר זצ"ל ראש ישיבת ר' חיים ברלין בניו יורק וישיבת פחד יצחק בירושלים • תשמ"א
- הרה"ק ר' יוחנן ב"ר דוד טברסקי מרחמיסטריווקא ירושלים זי"ע • תשמ"ב

### דינסטאג, כ"א כסלו • 1טן דעצעמבער

- הגאון ר' יעקב קאפל חריף ב"ר צבי זצ"ל אב"ד וורבוי (בעמח"ס חי' יעב"ץ) • תקצ"ו
- הגאון ר' יעקב מאיר ב"ר חיים פאדווא מבריסק זצ"ל (בעמח"ס מקור מים חיים על יו"ד) • תרט"ו
- הרה"ק ר' נפתלי ב"ר יחזקאל שרגא משינאווא זי"ע (בעמח"ס אילה שלוחה) • תרכ"ד
- הגאון ר' יוסף ב"ר בצלאל פרסבורג זצ"ל אב"ד מטרסדורף (בעמח"ס תפארת יוסף) • תרפ"ד
- הגאון ר' משה שמואל ב"ר ישראל נח בריסק מבודאפסט זצ"ל • תש"א
- הרה"ק ר' יוחנן מסטולין ב"ר ישראל מקרלין זי"ע • תשט"ז
- הגאון ר' צבי פסח ב"ר יהודה לייב פראנק זצ"ל ראב"ד ירושלים • תשכ"א

**מיטוואָך, כ"ב כסלו • 2טן דעצעמבער**

- הגאון ר' אלעזר ב"ר אליהו אשכנזי זצ"ל (בעמח"ס מעשי ה')
  • שמ"ו
- הרה"ק ר' פנחס מאוסטראה בן הייבי ר' יעקב יוסף זי"ע • תקס"ו
- הרה"ק ר' יואל אשכנזי אב"ד זלאטשוב ב"ר דוד משה זי"ע • תרמ"ג
- הרה"ק ר' יחזקאל ב"ר משה פאנעט מדעעש זי"ע (בעמח"ס כנסת יחזקאל) • תר"צ
- הגאון ר' שבתי בנימין ב"ר אריה יודלביץ זצ"ל המגיד מישרים מירושלים • תשנ"ז
- הגאון ר' שלום מרדכי ב"ר יצחק הכהן שבדרון זצ"ל המגיד מישרים מירושלים • תשנ"ח
- הגאון ר' חיים כסאר זצ"ל זקן רבני תימן • תשנ"ח

---

**קורץ און שארף**

# פערל פון די ארכיוון

א ווארט אויף „ויאבק איש עמו“, א פשט אינעם נאמען „ישראל“, און צוויי ניגונים צו דער סדרה.

## „ויאבק איש עמו“ – עשו אדער גבריאל?

**ציבעלע-קיגל:**

צוויי מאל אין דער תורה שטייט אז איינער האט זיך געטראפן מיט אן "איש"

ביי יעקב אבינו שטייט... ויאבק "איש" עמו... און ביי יוסף הצדיק שטייט... וימצאהו "איש"

ביי יעקב אבינו זאגט רש"י אז עס געווען... שרו של עשיו, און ביי יוסף הצדיק איז דאס געווען מלאך גבריאל.

איז די שאלה פון וואו ווייסט מען ? פון וואו האט רש"י געוויסט ווער איז שר פון עשיו און ווער איז מלאך גבריאל?

האט געזאגט דער הייליגער רב משה ליב סאסאווער זצ"ל... אז אויב מען בעט איינעם א טובה און דער פאנגט אן... נישט יעצט איך דארף גיין דאווענען, איך האב א שיעור יעצט... דאס איז עשיו.

אויב ער העלפט דיר גלייך אויפ'ן פלאץ, איז דאס מלאך גבריאל.

יעקב האט גבעטן... כי אם ברכתני, בענטש מיר, ענטפערט ער אוי, נישט יעצט שלחתי כי עלה השחר, איך דארף גיין זאגן שירה.

ביי יוסף ווען ער האט איהם נאר געטראפן האט ער גלייך געפרעגט, מה תבקש, מיט וואס קען איך דיר העלפן... דאס איז דער מלאך גבריאל

קאווע שטיבל • „געדאנקען אויף די פרשה“ • 5טן יאנואר 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11151.html#p359081

## „כי שרית עם אלוהים ועם אנשים“

**זבולון:**

דאס אידישער פאלק האט אסאך נעמען און צו-נעמען, אבער דוכט זיך מ'קען זאגן, אז דער נאמען "ישראל" דאס איז איר שם עצם. דאס איז דער נאמען פון כלל ישראל.

אויפן משמעות פונעם נאמען ישראל, זענען שוין געשריבן געווארן פארשידענע ערליי פירושים, בדרך הפרדס. אבער אז מ'בליקט אריין אין דער תורה, דארט ווי דער נאמען "ישראל" איז באשאפן געווארן, שרייבט אונז דער פסוק קלאר און אפן דעם באדייט פונעם נאמען: "כי שרית עם אלוהים ועם אנשים ותוכל".

די פשוטע אפטייטש פון א ישראלי, איז ישר-אל, ער קריגט זיך מיט גאט, ער גייט מלחמה אקעגן איהם, און ער געווינט איהם.

ישר-נש לא נאמר כי אם ישראל, מיר הייסן נישט ישר-נש, דער דגש איז נישט איבער אונזער מלחמה עם אנשים, נאר ליבערשט איבער אונזער מלחמה עם אלוהים. דער ייד צעברעכט און צעשטויסט אלע פאלשע אידאלאדאגיעס וואס אנשים קענען נישט בארעכטיגן נאר בשם אלוהים.

[פארקירצט]

**קאווע טרינקער:**

אומנת אבותינו בידינו. אברהם אבינו האט געפייט מיט גאט און אים נישט געלאזט חרוב מאכן סדום. נישט ווי נח, וואס האט צוגעלאזט דעם מבול.

קאווע שטיבל • „ישראל – כי שרית עם אלוהים ועם אנשים ותוכל“ • 28סטן מערץ – 8טן אפריל 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10308.html#p326532

## ניגונים צו פרשת וישלח

**גאלד:**

ס'מיר בייגעפאלן א דבר נכון צו ווידמען א ספעציעלע ווינקל אין אונזער שטיבל צו מפרסים זיין ניגונים לפי המאורע ולפי הזמן, אזוי צו ארייננברענגען א גייסט פונעם יעניגן זמן, אדער אויב איינער זוכט צו זינגען עפעס ספעשל מיט דער משפחה ביים שבת טיש צו ווען,

ובזה החלי,

פרשת וישלח

קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך כי במקלי עברתי את הירדן ועתה הייתי לשני מחנות הצלני נא

**זעמיל מילכיגער:**

רבי שלמה קרליבך – „ונשגב“

ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו עד עלות השחר

קאווע שטיבל • „ניגונים לכבוד מאורעות“ • 25סטן–26סטן נאוועמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9839.html#p310296

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין קאווע שטיבל האט „קל וחומר“ געשריבן א לאנגע סעריע וועגן יעקב בחיר האבות, מיט פיל איינטייטשונגען. „berlbalaguleh“ האט אים געענטפערט מיט א מעשה:

קל וחומר: דו ווייסט דאך זיכער די באקאנטע מעשה (ס'איז נישט מוכרח אז ס'איז אמת.) פון ר' יונתן אייבשיץ. ער האט געזאגט אז ער פלעגט ליינען א צייטונג אין ביה"כ כדי ער זאלל נישט קומען מהרהר צו זיין דברי תורה. איינמאל האט ער געליינט א רעפארט אין א צייטונג אז אין האללאנד האט א געוויסער פראפעסאר אויסגעפונען אז ווען מ'גיסט ארויף פרישע געקאכטע ציגן מילעך אויף דער ערד, וואקסט בעסערע פירות. איז איהם דאמאלס איינגעפאלן איבער דער סמיכות פון די פסוקים וואו ס' שטייט..."ראשית ביכורי אדמתך תביא בית ה' אלוקיך..."לא תבשל גדי בחלב אמו"...אז...כאטש נוצן די גדי בחלב אמו העלפט צו צו האבן שיינע פירות...דאך איז עס אסור...! האט ער אויפגעהערט צו ליינען צייטונגען אין ביה"כ...!

עכ"פ. דיינע תורות און איינטייטשונגען זענען זייער שיין. אבער ס'האט א ביה"כ גערוך...!

דערויף האט „קל וחומר“ געענטפערט: „ר' בערל, כ'האב געהאט דא א הערליכע אשכול, און דו האסט עס פארדרייט...“

berlbalaguleh • קאווע שטיבל • 25סטן נאוועמבער 2018

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12731.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „והחריש יעקב עד בואם“ – דעם טאטנס וועג“ · **אמת45**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „געדאנקען אויף די פרשה“ · 15טן דעצעמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11151.html#p357123 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „פארוואס דווקא דעם דריטן טאג? און ווער זענען געווען די „מלאכים“?“ · **קרעמער, זארעכפעפער, cano, benkel34** און אנדערע<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „~~~פראגע אויף פרשת וישלח~~~“ · 11טן–18טן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1710127.html |
| **הלכה־שמועס** | „אן עירוב אין ניו יארק – די הלכה'דיגע שאלות“ · **יידל, ידען**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „עירוב אין ניו יארק“ · 30סטן אפריל 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/529.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „וי אזוי צו געווינען חברים“ – חכמה אדער חנופה?“ · **איחוד פעלד, לעיקוואד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „ווי אזוי צו געווינען חברים און איינדרוקן מענטשן“ · 1טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2647.html |
| **אנשי שם • צו י"ט כסלו** | „א י"ט כסלו־פארברענגען מיט ר' יוסף העללער“ · **לבי ובשרי**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „מיין התוועדות י"ט כסלו מיט החסיד רבי יוסף [אברהם] העללער“ · 28סטן נאוועמבער 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14954.html |
| **הומאר** | „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב“ – א מעשה וואס איז (נישט) געשען“ · **מאטי**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב“ · 24סטן מאי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3885.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „בעל טובה היכי דמי?“ · **moshav zekeinim** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 26סטן נאוועמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9844.html |
| **היינט מיט 5 יאר צוריק** | „וואס האט דער נביא עמוס צו זאגן פאר אונז?“ · **קאך_לעפל** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 26סטן נאוועמבער 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14949.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 7טן און 14טן דעצעמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5848105 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ויאבק איש עמו“ – עשו אדער גבריאל?“ · **ציבעלע-קיגל** · קאווע שטיבל · „געדאנקען אויף די פרשה“ · 5טן יאנואר 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11151.html#p359081 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„כי שרית עם אלוהים ועם אנשים““ · **זבולון / קאווע טרינקער** · קאווע שטיבל · „ישראל – כי שרית עם אלוהים ועם אנשים ותוכל“ · 28סטן מערץ – 8טן אפריל 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10308.html#p326532 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ניגונים צו פרשת וישלח“ · **גאלד / זעמיל מילכיגער** · קאווע שטיבל · „ניגונים לכבוד מאורעות“ · 25סטן–26סטן נאוועמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9839.html#p310296 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · 25סטן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12731.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 30סטן נאוועמבער – נומער 12, דער זעקסטער וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 3טן דעצעמבער – נומער 13, אויף פרשת וישב.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.